פרשת קרח, ה' תמוז תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ל"ז

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות ....... 8:19
מוצאי שבת ....... 9:50

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### מרדכי אהרן היילפרין

עס האט געהייסן אז עס גייט רעגענען פאריגע וואך א גאנצע וואך, וואס דאס וואלט שטארק געשטערט פאר די עירוב צו קענען ארבעטן ווייטער; איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט רעגענען, ווי אויך האב איך מזכיר געווען ביי דעם ראש ישיבה, און ברוך השם עס האט נישט גערעגענט א גאנצע וואך.

### יענקי יאקאבאוויטש

איין שבת בין איך אריין געקומען אין שול זעה איך איינער זיצט שוין אויף די פלאץ ווי איך זיץ געוויינליך ביי מזרח פון די שול, איך האב יענעם חס ושלום נישט געוואלט אויפשטעלן פון דעם פלאץ, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען דארט זיצן ביי יענע טיש, שכח אייבערשטער אז איינער פון יענע טיש איז צוגעגאנגען צום עמוד- אזוי האב איך מיך דארט געקענט אראפזעצן.

### יואל וועבערמאן

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך דארף האבן געלט פאר געוויסע זאכן וואס איך דארף באצאלן, איין טאג קומט איינער צו צו מיר אז ער וויל מיר געבן געלט פאר א געוויסע סיבה - וואס געוויינליך באצאלט מען נישט פאר דעם. שכח אייבערשטער!

### יוסי שניטצלער

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן א לאנגע צייט איך זאל האבן א נייע מיני ווען, ווייל מיין פריערדיגע מיני ווען פארט שוין נישט געהעריג, אפאר מאל האב איך שוין כמעט געהאט די ישועה אבער עס האט זיך געענדיגט מיט גארנישט, יעדע נאכט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן צוזאמען מיט מיין טאכטער אז טאטי זאל האבן א נייע קאר, און מיין טאכטער פלעגט צולייגן "אייבערשטער העלף טאטי זאל האבן אזא קאר ווי זיידי [א קרייסלער מיני ווען] שכח אייבערשטער אז פון אינטער דער ערד איז מיר אנגעקומען די ישועה און איך האב שוין יעצט א פיינע גוטע קרייסלער מיני ווען.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד
טוהן מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר האברך החשוב
**יואל וועבערמאן נ"י וזוגתו מייטא תחי'**
צו די אפשערן פון זייער איינגל אשר נ"י למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון די און פון אלע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים.

מזל טוב!

## נייעס אין שטעטל

**שבת פרשת שלח מיט דעם ראש ישיבה שליט"א**

גאר א שיינע שבת איז אדורך צוזאמען מיט דעם ראש ישיבה שליט"א.

שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט גאר א שיינע שיעור אין פעולת הצדיק ווי מען האט ארום גערעדט א לענגערע צייט די שיינקייט פון האבן א צדיק, און זיך נישט דערשרעקן פון מענטשן וואס מאכן חוזק פון דעם צדיק.

תפלת שחרית האט דער ראש ישיבה געדאווענט פאר'ן עמוד. נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען די קידוש ווי דער ראש ישיבה האט ארום גערעדט א לאנגע שמועס פון מוסר און הדרכה וויאזוי זיך צו פירן דא אין שטעטל [די גאנצע שמועס זעהט אין דעם צווייטן עמוד].

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פון דעם וואס די רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן קפ"ז) אז דער אייבערשטער צאלט א מענטש מדה כנגד מדה, אויב א מענטש זעהט עס האט אים באטראפן א צרה ווי למשל איינער האט אים פארשעמט און מבזה געווען, זאל ער קיקן אויף צוריק אפשר האב איך איינעם מבזה געווען פאריגע וואך, און אויב נישט איז עס אפשר עפעס א חשבון פון די פריערדיגע גלגול. דער עיקר איז נישט צו האבן חס ושלום טענות אויפ'ן אייבערשטן ווען מען גייט דורך שווועריקייטן אין לעבן, נאר בעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים ארויסנעמען פון די צרה.

מוצאי שבת האט מען זיך שווער געזעגענט פון דעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז צוריק געפארן אין ישיבה ווייטער מחזק זיין די בחורים וואס ווארטן שוין צו הערן יעדעס ווארט פון דעם ראש ישיבה שליט"א.

**פרוטה'לעך קאמפיין**

געליבט דעם אייבערשטן אז די קאמפיין איז געווארן געקרוינט מיט א גרויסע סוקסעס, זייער א גרויס חלק פון די הצלחה אין די קאמפיין – איז געווען דורך די משפחות וואס וואוינען אין שטעטל, עס איז אריין געקומען א סך הכל פון 55 טויזענט דאללער פון א סך הכל 761 נדבנים דורך די ארבעט פון די אינגעלייט דא אין שטעטל.

אויך ביי די פרויען אין שטעטל האט מען געזעהן די ווארימקייט וואס זיי האבן געהאט צו ארויסהעלפן די הייליגע מוסד, אלע פרויען צוזמען אנגעפירט דורך די לעדיס אקזולערי אין שטאט האבן אריינגעברענגט זעקס און פופציג טויזענט דאללער דורך א סכך הכל פון 1500 נדבנים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכ'ן קאמפיין ארויסגעברענגט די שיינקייט פון דעם וואס מען זעהט אז די תלמידים שעמן זיך נישט מיט ברסלב, נאר אדרבה מען האט פרובירט צו שאפן נדבות פון אלע נאנטע און פון אלע חברים, וואס דאס מאכט נאר שענער דעם רבינ'ס נאמען ווען מען זעהט אז אזא חשובע אינגערמאן באלאנגט אויף דעם הייליג'ן פלאץ.

# שיעור סיפורי מעשיות פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**שיעור סיפורי מעשיות שבת פרשת שלח:** מען האט פארגעלערנט מעשה י"ב די מעשה פון דעם בעל תפלה ווי דער בעל תפלה האט אסאך גערעדט צו די מדינה פון עשירים אז געלט איז גארנישט, ביז זיי האבן אים געזאגט: נו אדרבה נעמט אונז ארויס פון די תאווה פון געלט, העלף אונז ארויס גיין.

זעהט מען פון דעם אז א דיבור האט א כח, אויב מען וויל עפעס פויעלן ביי איינעם דארף מען עס שיין איבער זאגן נאכאמאל און נאכמאל ביז מען פויעלט ביים סוף, צו א מאן וויל עפעס פויעלן ביי די ווייב אדער א מלמד מיט זיינע תלמידים, אדער א טאטע מיט זיינע קינדער און אזוי ווייטער.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס פון דעם וואס אינגעלייט בויען יעצט הייזער דא אין שטעטל, דער ראש ישיבה האט פארציילט; ווען ער האט געקויפט זיין דירה אין שטאט איז געווען אפאר זאכן וואס איז נאכנישט געווען גענדיגט דורכ'ן בויער פון די בילדינג, א שטיק צייט נאכ'ן בויען איז דער בויער געווען באזוכן דעם הויז, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט אז איין פענסטער מאכט זיך נישט געהעריג צו, האט ער זיך אנגערופן: **'גיס ארויף אביסל שמן זית'!** אויפ'ן פלאץ האט עס מיר זייער געבאדערט פארוואס ער ענטפערט מיר אזוי, אבער היינט זעה איך אז ער האט מיר זייער גוט געענטפערט.

דא אין שטעטל דארף מען געדענקן די זעלבע זאך; נישט אויפעסן דעם בויער דא אין שטעטל פאר יעדע זאך וואס איז נישט גוט געמאכט און וואס איז נאכנישט גענדיגט. היתכן אז ווען מען קומט אין בית המדרש זאל דער גאנצע שמועס זיין נאר פון דעם?! מען דארף אלץ געדענקן פארוואס מיר זענען דא אהער געקומען וואוינען, אויב ביזטו געקומען אהער ווייל עס איז א שיינע פלאץ - וועל איך דיר ווייזן אסאך מער שענערע פלעצער ווי מען קען וואוינען; די שיינקייט פון דעם פלאץ איז די אחדות אין דעם שטעטל.

קוק א בריוו אין עצתו אמונה די וואך - טייטשט עס אויס פאר דיר; **עס איז מיר א גרויסע וואונדער צו הערן אז דו האסט בכלל א דיעה אין די גאנצע נושא פון ...; ביי אונז תלמידי היכל הקודש האבן מיר בכלל נישט קיין דיעה - נישט אהער און נישט אהין, מיר לעבן מיט תכלית. מוהרא"ש האט אונז געגעבן א גדלות המוחין, מיר זאלן נישט דאגה'נען פון זאכן וואס האט נישט מיט אונז.**

שפעטער אינעם בריוו שטייט; **מאך זיך נישט נאריש, רעד מער נישט מיט קיינעם פון די גאנצע פרשה, אלע דיינע ווערטער זאלן נאר זיין דיבורי התחזקות. טו וואס איך טו, ווען איינער פרעגט מיר וואס איז מיין דיעה אין די פרשה, זאג איך וואס יענער וויל הערן; אז יענער שרייט "קדוש!" שאקל איך דעם קאפ אויף דעם זייט, אז יענער שרייט "טמא!" - שאקל איך דעם קאפ אויף דעם אנדערן זייט; וואס האט דאס מיט מיר? וואס האט דאס מיט מיין תיקון? איך דארף דאך פאררעכטן מיינע מעשים, איך וועל דאך פארט דארפן אויסטון דעם גוף און צוריק גיין צום אייבערשטן, וואס וועט מיר העלפן די אלע שמועסלעך לכאן אדער לכאן?**

מען פרובירט זייער שטארק אז יעדער זאל זיין צופרידן, אויב ביסטו נישט צופרידן מיט עפעס א געוויסע ענין און דו ווילסט עס אויסשמיסן מיט איינעם - האט מען פארדעם אויפגענומען א הנהלה וואס צו זיי קען מען זיך ווענדן און זיי שמועסן עס דורך מיט מיר.

עס איז געווען א שטיק צייט וואס מען האט געהאט טענות אויף די בית פיגא מנהלת אין שטאט אויף געוויסע זאכן וואס זי טוט, וואס באמת אלעס וואס זי זאגט - זאגט זי נאר נאך וואס זי האט געהערט פון דער ראש ישיבה, ווען איינער רעדט אויף איר איז דאס ווייל באמת וויל ער רעדן אויף מיר אבער ער האט מורא במילא רעדט ער אויף די מנהלת.

די זעלבע זאך איז מיט די הנהלה; ווען זיי זאגן עפעס איז דאס די מיינונג פון דעם ראש ישיבה, [פארשטייט זיך אז זיי דארפן אויך וויסן וויאזוי עס איבערצוגעבן פאר אנדערע אויף א שיינע וועג, נישט זאגן אויף א בייסיגע וועג].

ענק ווייסן נישט וואס עטץ האטס דא; ווען איך פלעג וואוינען אין בארא פארק האב איך נישט געזעהן אזויפיל שמוץ א גאנצע יאר פון וואס מען זעהט דא ליידער אין וויליאמסבורג איין טאג, מען זאגט אז וויליאמסבורג איז ירושלים ד'אמעריקא, היינט קען מען זאגן עס איז ליידער תל אביב ד'אמעריקא. אפילו דא אין שטעטל דארף מען אויך היטן די אויגן - נישט קיקן אויף די גוי'אישע שכינים, אבער דא איז ברוך השם אסאך גרינגער זיך צו היטן די אויגן.

די מטרה פון דעם שטעטל איז אז א מענטש זאל זיך ארויסזעצן אינדרויסן מיט זיין ווייב און פארברענגן געשמאק, ווילסט מאכן א גריל מאך עס מיט דיין ווייב, און נישט צו מאכן בילדער פון די פלייש און ארויפלייגן אויף סטעטוס, אדער מאכן בילדער ווי מען פארברענגט מיט די ווייב - נאר דעמאלטס איז עס אים אינטערסאנט צו פארברענגן, ווען ער קען ווייזן פאר יענעם.

מיר האבן דא ברוך השם די בעסטע מלמדים; איך רעדט יעדן טאג כאטש מיט איין מלמד וואס דער מלמד גיבט שוין איבער פאר די אנדערע מלמדים וואס מען האט גערעדט, די זעלבע איז ביי די סקול ווי זיי קלינגען מיר יעדן טאג פרעגן וויאזוי זיך צו פירן.

~~~~~~~~~~~


צו באשטעלן מענער אדער קינדער שיך
רופט יואל וועבערמאן נ"י
845-662-8423

מיר נעמען אן צו בעביסיטן
רופט משפחת טייטעלבוים
845-376-0380

מיר נעמען אן צו פאררעכטן קליידער
רופט משפחת וועבערמאן
845-662-4083
~~~~~~~~~~~